# פון פלאצקער גאון

## הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת
חיי שרה
תשפ"ה
גליון קי"ט
שנה ד'

### אויב די בני חת וועלן מסכים זיין צום מקח וועט זיי דער זכות ביישטיין נאכנישט פארטריבן צו ווערן פון ארץ ישראל

**גר ותושב אנכי עמכם.** (כג, ד)

רש"י שטעלט זיך אויפן דיוק פון "**גר ותושב**", איז ער א 'גר' אדער א 'תושב'?! איז רש"י מסביר, "**אם תרצו הריני גר ואם לאו אהיה תושב ואטלנה מן הדין**" - אויב ענק וועלן מסכים זיין צום מקח וועל איך דאס קויפן ווי א 'גר', און אויב נישט וועל איך דאס נעמען מיט כח ווי א 'תושב', ווייל דער אויבערשטער האט מיר דאך צוגעזאגט ארץ ישראל.

אבער סוף כל סוף איז נאכאלץ שווער, ווייל ממה נפשך איז ער א 'גר' אדער א 'תושב'? און אויב איז ער יעצט נאך א 'גר' וויאזוי קען ער זיין א 'תושב'?

נאר דער מדרש זאגט (ב"ר נח, ח), אז אין די פרשה ווערט צען מאל דערמאנט "**בני חת**", קעגן די עשרת הדברות. צו לערנען, אז די בני חת וואס האבן מברר געווען א מקח פונעם צדיק - איז דאס גערעכנט פאר זיי כאילו זיי האבן מקיים געווען די עשרת הדברות.

יעצט ביים ברית בין הבתרים האט דער אויבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו (לעיל טו, טז): "ודור רביעי ישובו הנה כי לא שלם עון האמורי עד הנה", אז הערשט אין פיר דורות ארום גייען זיינע קינדער באקומען ארץ ישראל ווייל ביז דעמאלטס איז די עבירות פון די אמוריים נאכנישט פול, און נאר ווען זייער מאָס עבירות וועט זיך אנפולן וועלן די אידן זיי קענען פארטרייבן פון לאנד.

פארוואס טאקע איז נישט גענוג זייער ביז יעצטיגע עבירות זיי צו קענען פארטרייבן פונעם לאנד? זעט אויס, אז דער זכות אז די בני חת האבן מברר געווען **מקחו של צדיק** און געזארגט פאר אברהם א גוטן מקח - וואס דאס איז דאך כאילו זיי האבן מקיים געווען די עשרת הדברות - איז זיי דערוייל בייגעשטאנען אז זיי זאלן נאכנישט געשטראפט ווערן.

אויב אזוי איז ממש הפלא ופלא וואס אברהם אבינו האט געזאגט פאר די בני חת: "**גר ותושב אנכי עמכם**". ווייל ער האט זיי געזאגט, ממה נפשך: "**אם תרצו**" - אויב וועלן ענק מסכים זיין צום מקח און מיר געבן וואס איך בעט, וועלן ענק דאך האבן די זכות פון מברר זיין מקחו של צדיק וואס וועט ענק ביישטיין אז "לא שלם עון האמורי עד הנה", ממילא "**הריני גר**" - וועל איך טאקע זיין א 'גר', ווייל איך וועל נאך דארפןווארטן אויף פיר דורות ארום צו באקומען ארץ ישראל.

אבער "**ואם לאו**" - אויב ענק וועלן נישט מסכים זיין צום מקח, וועלן ענק דאך נישט האבן קיין שום זכות וואס זאל ענק ביישטיין, אויב אזוי וועט דאך תיכף נשלם ווערן ענקער מאס פון עבירות, און ממילא "**אהיה תושב**" - וועל איך שוין יעצט הייסן א 'תושב', ווייל איך וועל שוין קענען גלייך באקומען ארץ ישראל.

### ווייבאלד עפרון האט פארקויפט די פעלד קעגן אלע בני חת איז בטל געווארן די טענה פון "פגם משפחה" צו קענען צוריק אויסלייזן די פעלד

**ויקם שדה עפרון... לאברהם למקנה לעיני בני חת... ואחרי כן קבר אברהם את שרה אשתו... ויקם השדה והמערה אשר בו לאברהם לאחוזת קבר מאת בני חת.** (כג, יז-כ)

לכאורה איז דא א כפילות הלשון, ווייל ס'שטייט שוין איינמאל אז אברהם האט אפגעקויפט די פעלד מיט די הייל, פארוואס דארף שטיין נאכאמאל "**ויקם השדה והמערה לאברהם**"? אויך איז שווער, פארוואס שטייט קודם "**לעיני בני חת**", און ביים צווייטן מאל "**מאת בני חת**"?

נאר די גמרא זאגט (כתובות פד.), אז די חכמים האבן געמאכט א תקנה אז איינער וואס פארקויפט זיין מקום קבורה פאר א צווייטן, קען די משפחה פונעם מוכר קומען און אים דארט באגראבן אפילו דער לוקח איז נישט מסכים. פארוואס? וועגן "פגם משפחה", ווייל עס איז זיי א גנאי אז זייער קרוב זאל באערדיגט ווערן צווישן אנדערע, ממילא קענען זיי צווינגען דעם לוקח צוריקצונעמען דאס געלט און צוריקגעבן דעם קבר.

איז יעצט ווען אברהם אבינו האט אפגעקויפט פון עפרון דעם מערת המכפלה, האט ער נאכאלץ מורא געהאט אז אפשר וועט איינער פון עפרון'ס משפחה קומען טענה'ן אז עס איז א גנאי אז זייער'ס א קרוב זאל באערדיגט ווערן נישט צווישן די משפחה, און ער וועט אים צווינגען צוריקצוגעבן דאס פעלד על פי דין, ממילא איז ער נאכנישט זיכער געווען אז די מערת המכפלה איז טאקע זיינס.

אבער נאך וואס עפרון האט געשלאסן דעם מקח "**לעיני בני חת**" - קעגן די אויגן פון זיין גאנצע משפחה, און אלע האבן געזען ווי אברהם גייט דארט באגראבן שרה און פונדעסטוועגן האט קיינער נישט געזאגט קיין ווארט, איז אברהם געווארן רואיג אז יעצט וועט שוין קיינער נישט קענען קומען מערער זיין אויפן מקח, ווייל אלע האבן דאך געזען וויאזוי ער קויפט עס אפ און ער באגראבט דארט שרה און זיי האבן געשוויגן, איז א סימן אז זיי האבן מסכים געווען.

דאס איז מדויק אינעם פסוק: "**ויקם שדה עפרון אשר במכפלה... לאברהם למקנה לעיני בני חת**", אז עפרון האט פארקויפט זיין בית הקברות פאר אברהם קעגן די אויגן פון אלע בני חת, אלע האבן געזען ווי אברהם קויפט דאס אפ. "**ואחרי כן קבר אברהם את שרה אשתו**" און נאכדעם האבן זיי אלע געזען ווי אברהם האט דארט באגראבן שרה און זיי האבן געשוויגן, איז דאך א סימן אז זיי האבן מסכים געווען צו די

מכירה און קיינער איז נישט מערער. איז ממילא; **ויקם השדה... לאברהם לאחוזת קבר "מאת" בני חת**, איז פעסטגעשטעלט געווארן אז אברהם האט אפגעקויפט די פעלד **פון אלע בני חת**, אז קיינער וועט אים נישט קענען צווינגען צוריקצוגעבן דעם קבר מיט'ן טענה פון "פגם משפחה".

## אליעזר איז געבליבן שטיין אינדרויסן אפילו ער האט געוואוסט אז די שטוב איז שוין גרייט

### ויאמר בוא ברוך ה' למה תעמוד בחוץ ואנכי פניתי הבית... (כד, לא)

זאגט רש"י: "פניתי הבית **מעבודת אלילים**", אז לבן האט אויסגערייניגט די שטוב פון ע"ז.

לכאורה איז א וואונדער, פארוואס דארף מען דרש'ענען אז "**פניתי הבית**" מיינט פון ע"ז, וואס איז נישט גוט כפשוטו אז ער האט אויסגערייניגט די שטוב צו מאכן פלאץ אים אויפצונעמען.

נאר לבן האט געפרעגט אליעזר: "**למה תעמוד בחוץ**", איז לכאורה א מורא'דיגע וואונדער, וואס איז פשט "**למה תעמוד בחוץ**", פארוואס זאל ער נישט ווארטן אינדרויסן, פון וואו זאל אליעזר וויסן אז די שטוב איז שוין גרייט פאר אים?!

אלא מאי זעט מען פון דעם אז אליעזר איז געבליבן ווארטן אינדרויסן אפילו נאך ער האט שוין געוואוסט אז די שטוב איז גרייט, און פון דעם האט לבן פארשטאנען אז אליעזר איז דא עפעס חושש פון ע"ז. ער האט נאר נישט געוואוסט פונקטליך וואס אליעזר איז חושש: צו ער טראכט אז **לבן איז אים חושד** אז ער בוקט זיך צו די שטויב פון די פיס און לבן איז מקפיד נישט אריינצוברענגען ע"ז אין שטוב, וועגן דעם איז ער געבליבן ווארטן אז לבן זאל ברענגען וואסער צו וואשן די פיס, אזוי ווי אברהם האט געזאגט (לעיל יח, ד) "**ורחצו רגליכם**" כדי נישט אריינצוברענגען ע"ז אין זיין שטוב. צו פארקערט, ווייל **אליעזר איז אים חושד** פאר אן עובד ע"ז, און וועגן דעם בלייבט ער ווארטן ווייל ער וויל נישט אריינקומען אין שטוב ביז ער איז זיכער אז די שטוב איז ריין פון ע"ז.

וועגן דעם האט לבן מקדים געווען "**בוא ברוך ה'**", צו זאגן; אויב דיין חשש איז אז **איך בין דיר חושד פאר אן עובד ע"ז** קענסטו זיין זיכער אז דו ביזט נישט חשוד אין מיינע אויגן, והא ראיה איך רוף דיר "**ברוך ה'**" און אויף ע"ז קען דאך נישט חל זיין א ברכה פונעם אויבערשטן. איז אויב אזוי "**למה תעמוד בחוץ**" וואס בלייבסטו שטיין אינדרויסן?!

אלא מאי איז דיין חשש "**ואנכי**" אז **איך לבן** בין חשוד אויף ע"ז, און וועגן דעם קומסטו נישט אריין ווייל דו ביזט נישט זיכער אז די שטוב איז ריין פון ע"ז, דארפסטו אויך נישט חושש זיין, ווייל "**ואנכי פניתי הבית**" איך האב שוין אויסגערייניגט מיין שטוב פון אלע ע"ז'ס.

## בתואל האט פארשיקט אליעזר ווייל ער האט געציטערט אז די שטאטלייט זאלן אים נישט הרג'ענען

### הנה רבקה לפניך קח ולך ותהי אשה לבן אדוניך... (כד, נא)

לכאורה איז ממש נישט צום פארשטיין, ווייל לבן און בתואל האבן דאך תיכף געענטפערט פאר אליעזר אז זיי פארשטייען אז "מה' יצא הדבר" און זיי האבן נישט קיין ברירה איר אפצוהאלטן פון גיין, און זיי האבן טאקע גלייך באשטעטיגט "הנה רבקה לפניך קח ולך" נעם איר און גיי.

אבער גלייך נאכדעם שטייט אז באלד אויפצומארגנס ווען ער האט זיי געבעטן "**שלחוני לאדוני**" האבן זיי געזאגט "**תשב הנערה אתנו ימים או עשור**" אז זי דארף זיך נאך אויפהאלטן דארט פאר א שטיק צייט. וואס איז דא געשען אז זיי האבן מיטאמאל געטוישט זייער מיינונג?!

נאר אין מדרש (ילקוט שמעוני רמז קט) שטייט, אז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז בתואל זאל שטארבן יענע נאכט איז געווען ווייל בתואל איז געווען דער מושל פון ארם, און ער האט איינגעפירט על כל בתולות הנישאות להיבעל לטפסר תחלה. האבן אלע שרים פון שטאט אפגעמאכט צווישן זיך, אז אויב ער גייט דאס טון אויך פאר זיין טאכטער וועלן זיי שווייגן, אבער אויב נישט גייען זיי הרג'ענען אים און זיין טאכטער, וועגן דעם האט דער אויבערשטער געמאכט אז בתואל זאל דעמאלטס שטארבן, אזוי זאל רבקה ניצול ווערן.

וועגן דעם האט לכתחילה בתואל מורא געהאט צו לאזן רבקה בלייבן אין שטאט די סעקונדע ער פאר'שדכנ'ט איר, ווייל ער האט געציטערט פאר זיין לעבן. דערפאר האט ער געזאגט פאר אליעזר "**הנה רבקה לפניך קח ולך**" נעם איר און גיי תיכף אוועק פון שטאט, כדי די שטאטלייט זאלן נישט האבן קיין צייט צו כאפן אז רבקה איז געהייראט.

אבער אזוי ווי יענע נאכט איז דאך בתואל געשטארבן, איז דאך שוין אויב אזוי נישט געווען מער וואס מורא צו האבן, ממילא האבן זיי טאקע גלייך צומארגנס געטוישט זייער מיינונג אז רבקה זאל בלייבן ביי זיי אויף נאך א שטיק צייט, ווייל זיי האבן דאך שוין מער נישט וואס מורא צו האבן.

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**

gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

הרבני הנכבד
הר"ר **אברהם גראס** הי"ו
לרגל נישואי בנו
החתן **יחזקאל שרגא** נ"י למזו"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל